העפטל 16 — 3 פענס

# שטאכל־דראט און געטא־מויער

(סוף זומער־מאטיוון)

א. נ. שטענצל

לאָנדאָן־ווייטשעפל — תשרי 1941

## צו דער רויטער ארמיי

(ווידמונג)

טליענדיקע בליקן, פינסטערע פאַררויכערטע,
גיפטיקער גרימצאָרן צווישן ציינער פאַרביסן;
די קעפּ זייערע פאַרוואָרפענע אין פאָראויס —
באָמבעס פול דינאַמיט צו ווערן אויפגעריסן!

דער פונקן־געיאָג פון זייער גענאָגלטן טראָט
די אונטערגעלייגטע מינעס אונטערצוצינדן — —
זיי קומען־אָן אַזוי פון אַלע פיער זייטן,
ווילד צעשטורעמטע בייזע סעפטעמבער ווינדן.

און נישט נאָר די פאַרבלוטיקטע געטאָ־מויערן
וועלן זיך צעשיטן ווי וויאַנענדיקע בלעטער,
דאָס גאַנצע שלעכטס׳ וואָס איבער דער וועלט,
וועט שטויביק צעפּלאָשען פון דעם ווילדען צעשמעטער —

אַ ווערעמדיקע נוס, וואָס פאַלט האַרבסטיק אַראָפּ,
אויפברעכן וועט די האַרטע שאָל פון׳ם ערד־קיילעך,
אין טויזנט קאָלירן שימריק אויפפלאַטערן
וואָרעם־מענטש, וואָס פאַרקריכט זיך אַצינד הינטערוויילעך —

— — — — — — — — — — — —

## סעפטעמבער ווינטן

נישט אויסגעקאָרטשעט ווערן די ביימער איצט,
קיין פרישע פירות נישט מער צו טראָגן,
מיט ליכטיקע בליטן נישט אויפצוגיין מער,
ווי די קומענדיקע, די פרילינג־פאַרטאָגן, —

עס פאַלן וויאַנענדיקע די בלעטער נאָר,
דעם קיימענדיקן זוימען צו באַשיצן!

מיט זייער פוילענדיקע ווארעמקייט אצינד
ווי מיט זייער פרישן גרין — אין די היצן.

פון די שטורעמדיקע די סעפטעמבער ווינטן
קיין איין זאפטיקע צווייג ווערט נישט געבראכן —
נאר טרוקענע, אויסגעזויגענע הוילע
פארוואקסענע אין זשאווער פון מאכן — — —

נישט אויסגעקארטשעט ווערן דיביימער איצט —
אויפגעטרייסלט נאר פון סעפטעמבער ווינטן!
אז מיט זייערע זייגענדיקעווארצלען
די טיפענישן פון דער ערד צו דערגרינטן.

## זומער-פייגעלע

אז נאר אין פינסטערנישן תמיד צו בלייבן,
אז ארום ליכטיקייטן נישט ארומצופלאטערן,
ווער ברויך דען א נישטיק לעבן אזוינס,
מיט גריזשענדיק די יארדע, צו פארמאטערן —

ווי די נוס-שאל, די אויסגעליידיקטע, געלעכערטע,
דעם אייגענעם לייב הינטער זיך צו לאזן ליגן!
און פון אלץ וואס ווילן, פון אלץ וואס איז פארלאנג
פליגלען צום פלאטערן צו קענען נאר קריגן.

ביז צו דער זון פליענדיק צו דערגרייכן,
אין אירע גליאיקע פלאמען צו פארקוילן,
נאך איידער סעפטעמבערדיק זי לעשט אויס
און אין קויטיקע נעצן מ׳מוז פארפוילן — — —

און אז די פליגל אין פלאם פארזונגען — —
אז מיט גאנצן לייב און לעבן פארברענען — —
אן איינציק מאל נאר אין טויזנט קאלירן,
שימערנדיקע פליגל אויסשפרייטן צו קענען.

## צו א דעמב

קאן מען דען אויסראטן א דעמב מיט אלע זיינע ווארצלען?
און מיט אן איינציקער נוס צוריק ער טוט זיך פארפלאנצן!
א פארוויאנעטער שטאם טריפנדיק אין סעפטעמבער זון —
א פארוונדעטער אזא, באגאסן אין בלוט אין גאנצן.



נישט ווארענעס שווארצע זיינען עס ווילדע, צעקראקעטע,
אין נעפלען פארפלאנטערטע, מיט בלאנדזשענדיק פליען —
פארקראמפטע הענט, אין האר-געפלאטער איינגעפלאכטן —
פון געוואלטיקן ווייטיק און פון פיבערן צעשריען — —

א צערוישטער דעמב, א צעשויבערטער אין זיין געוועלק —
א פארבלוטיקטער, אין בליאיקן פיבער אנגעצונדן!
ווי ס׳טריפט דאס, ווי ס׳רינט דאס פון אלע זיינע גלידער,
ביז אין מיין הארצן אריין עפענען זיך זיינע ווונדן.

ווי ער ווארפט זיך דאס דער שטאם מיט אלע זיינע צווייגן,
מיט הענט און מיט פיס א גוסס, וואס וויל דורכאויס נישט שטארבן!
קאן מען דען אויסראטן א בוים מיט אלע זיינע ווארצלען?
אין זיין דיקער קארע בלויז ווערן נאר טיפער די קארבן.

## אזא לעצטער סוף-זומער טאג
(תשליך-שטימונג)

אזא לעצטן סוף-זומער טאג אז מ׳דערזעט,
אין דער הייליקייט פון דער וועלט ווילט זיך גלויבן,
דורכ׳ן טייכל מ׳קאן אין הימל אריין קוקן,
ווי דורך א פענסטער מיט צעפינקלטע שויבן.

די אפענע לויטערקייט, אזא הארציק גוטע,
אויף הילף, אויף דערלייז ס׳ווילט זיך ווידער האפן!
ווי פאר די תפילות פון אומעטיקע הערצער
דאס טויער פון הימל וואלט געשטאנען אפן — — —

און די בוימער ארום, העשענדיק-צעשארכטע,
מיט זייער וויאנען-געשאקל נישט אויפצוהערן —
בעטנדיקע, רויטליך-געלאמעוועט די אויגן,
פונ׳ם כסדר׳דיקן רינען פון די טרערן — — —

„על-חטא, על-חטא!” קלאפט א פיק-האלץ אין א שטאם,
און די ראבן „שדי קרע” הייזעריק זיך שרייען!
אזא הייליקן סוף-זומער טאג אז מ׳זעט,
בלייבט דאס הארץ געשטילט מיט אלע זיינע ווייען.

## א ימים-נוראים תפילה

ס׳איז יעדעס שטעטל א מקום-קדוש איצט,
ווייל פול מיט קדושים זיינען זיי דאך;
א, ס׳הענגט די זון צווישן די געטא-מויערן,
א נר-תמיד, א קוים צאנקענדיקער נאך.

חורבות די שולן, די בתי־מדרשים, — —
יעדעס בלעטעל־שמות אויף אַש פאַרברענט — —
האַלטן זיי, אָפענע, און צעבלעטערטע
זייערע הערצער צום הימל געווענט :

„און פאַלן מיר פאַרמאַטערטע, אָן כחות,
אין מיטן אונזער לעצטן וידוי־געבעט,
וועלן בלייבן אָפן אונזערע הערצער,
גאָט, פאַר דיין בליק, וואָס אַלצדינג ער דערזעט —

„ווי דו וועסט דיך דאָס צעוויינען, כביכול,
אויפציטערן דערפון ס׳וועט די גאַנצע וועלט !!
אָ, אַז ס׳מוז גאָט׳ס תפילה איבער די פיין פון מענטש,
פון אונזערע הערצער זיין צוזאַמענגעשטעלט”...

— — — — — — — — — — — —

## א געבעט

איך גלויב אינ׳ם מענטש און טו תפילה צו אים,
אין טיפעניש פון האַרץ פאַל איך אויף די קני ;
די פינסטערניש אין מיר צאַפּלט ליכטיק אויף,
יעדן אויפגייענדיקן פרישן אין דער פרי —

גייט דאָן אויף די זון נאָך פינסטערער נאַכט,
זי ווערט ניי־געבוירן אין דעם בלוטיקן אויפגיי,
פאַרוואָס נישט דער מענטש פון זיין פיין אַרויס,
פון זיין אונטערגאַנג — פון זיין בלוטיקסטן וויי !

ווי ביי אַ רוצח מיט אַ מעסער אין האַנט,
איך בעט מיך ביים מענטש מיט אַ לעצטן געוויין :
אַ רחמנות זאָל דאָן אים אַרומנעמען,
מיט אַ גרויס דערבאַרעמונג צו זיך אַליין —

— — — — — — — — — — — —

איך גלויב אינ׳ם מענטש און טו תפילה פאַר אים,
אָ, אַז איך קאָן דאָס־אָ טון נאָך איצט — — —
ווי דער סעפטעמבער, וואָס פאַרבט זיך צום פאַרגיי,
ס׳איז דאָך גאַנצע ערד מיט מענטשליך בלוט באַשפּריצט.

## סוף-זומער-מאטיוו 1941

אַ פאַרפלאָנטערטע פליג, געפאַנגען,
לעבעדיקערהייט זי אויסצוזייגן,



פון אַ סוף־זומער־שפין, אַ וועבענדיקע,
צווישן בלוטיקן געוויאַנען פון צווייגן.

אַזוי דער גאַנצער ערד־קיילעך איצט,
אַ פאַרוויקלטער אין די שטאַכל־דראָטן,
פון עק־וועלט ביז עק־וועלט, אַ שפינענדיקער,
הענגט בלוטיק־עקלדיק איבער איר דער שטן — —

פאַרפלאָנטערט־פאַרוויקלט, פאַרקנוילט־פאַרקניפּט,
לעבעדיקערהייט נישט מער צו ענטרינען,
און די שטאַכל־דראָטן הערן גאָר נישט מער אויף
מיט זייער ראָסטיקן וויאַנענדיקן שפינען.

אויסגעזויגן שוין ביז׳ן לעצטן טראָפּן,
איר לעצטן צאַפּל ס׳וועט די ערד געבן,
אַרונטערפאַלן ס׳וועט דער שטן ווי די שפין,
און דערשטיקט אין אירע אייגענע געוועבן.

## שטאכל-דראט און געטא-מויער

אַז מיר אַרומגערינגלט מיט געטאָ־מויער —
איז די ערד איינגעצוימט אין שטאַכל־דראָטן !
מיר זיינען דער ליכטיקער שפיגל פון דער וועלט
פונקט ווי מיר זיינען איר פינסטערער שאָטן.

מ׳האָט איר אָנגעטון, די וועלט, אַ דערנער־קרוין
און די שדים אַרום פלאַצן פון געלעכטער,
וואָלט כאָטש אַ מענטש געשטאַנען אין דער מיטן
און געווען דער אויסגעלאַכטער הייליק גערעכטער.

און איז אמת דער מענטש אַזוי שלעכט ווי ר׳איז,
ווי מיר אַזוי נעבעכדיק ווי מיר זיינען,
מוז דער ווידער־קול פון טייוועלשן געלעכטער
זיין פון פאַרשעמטע הערצער די געוויינען.

וואָרים ווער האָט דען געמאַכט די געטאָ־מויערן —
מיט אונזער בלוט אַליין די ציגל געקנאָטן !
פונקט ווי געמאַכט ס׳האָבן די מענטשן די כלי־זיין
זיך אַליין אונזער מיט זיי אויסצוראָטן.

## „ופרוש עלינו סוכת שלומך...“

(מיט גרויס הכנעה פאַר די יידן אין די געטאָ־ווענט)

עס פעלט דאָך נאָר בלויז דאָס ביסעלע סכך,
די פיר ווענט זיינען שוין צוזאַמענגעשטעלט — —
יאָ, זיי זיינען צונויפגענאָגלטע
פון די שטיקלעך פון אַ צעשאָסענער וועלט.

פון די חורבות פון די לענדער און די שטעט
זיינען זיי געוואָרן שנעל אויפגעבויט — —
שפרייט דאָך אויס דיינע דערבאַרעמדיקע הענט,
גאָט, צו באַשיצן אונז אין אונזער נויט!

נישט מיט פאָרהאַנגען, נישט מיט טעפּיכער —
מיט געהאָנגענע באַהענגט מען די פיר ווענט!
בלוטיקע קעפּ פון געקעפּטע־געהרג׳עטע
זיינען די געמאָלענע לאַמטערן, רויט־צעברענט —

— — — — — — — — — — — —

שפרייט דאָך אויס דיינע דערבאַרעמדיקע הענט,
גאָט, צו באַשיצן אונז אין אונזער פיין — —
אָ, אין אַזאַ סוכה נישט נאָר די אושפיזין,
די עשרה־הרוגי־מלכות קומען מיט־צוגיין —

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

### פאַן-גערמאנישער זיג — — —

אַ צעפליקטע פערענע ס׳איז אייראָפּע איצט
מיט פעדערן כאָטש אין בייכער צו שטאָפּן!
פון דער ווייסל ביז צו דער סענע שוין
נאָכ׳ן רוצח די שליאַדישע בלוט־טראָפּן — —

ווי די לענדער זעען דאָס אַצינד אויס,
אַזש אין די אויגן שטעלן זיך די טרערן!
ווי די פאַרברענטע שולן אין בהלה־טעג
ליגן די שטעט מיט בולוואַרן און סקווערן.

אַ געשליפן מעסער אין האַנט, אַ האַק
גענוג ס׳איז פאַר מהומות און פּאָגראָמען,
פאַר אַ גאַנצער וועלט מ׳מוז שוין האָבן
טאַנקס און באָמבערס און עראָדראָמען.



אָ, גאַנץ אייראָפּע איז אַ געקוילעטער ייד
וואָס זיין האָב און גוטס וואַלגערט זיך אין בלאָטע,
יאָ, פאַר אַ גאַנצע וועלט מ׳מוז שוין האָבן
האַרמאַטן, עראָפּלאַנען און פלאָטע — — —

### איבער דער וואלגא אבער שטייט רויט די לבנה

עס גליווערט דער פרוט פון מענטשליכן בלוט,
דער דניעפּער גייט פון זיינע ברעגעס אַרויס;
שעפּסן, געטריבענע פון ליידיקע לאָנקעס,
שאַכט מען מענטשן־קינדער סטאַדעס־ווייז אויס.

דער מויל־וואָרעם פאַרקריכט זיך בלינד אין דער ערד,
די פלאָטער־מויז הענגט זיך אויף אירע פליגל אויף;
די זון לעבעדיקערהייט זי צו צעדזוביען,
פלאָטערן פינסטער די ראָבן צום הימל אַרויף.

אַלע טייכן ציען זיך צו די ימען — —
און דאָס מענטשליך פאַרגאָסענע בלוט וואַהין?
איז עס אויך נאָר, ווי פון געקוילעטע שעפּסן,
אַז די לאָנקעס זאָלן אויפגיין פעטע און גרין?

איבער דער וואָלגאַ אָבער שטייט רויט די לבנה —
דעם פאַסטוכ׳ס פּנים איז עס, פאַרעקשנט פאַר׳צער׳ט!
און זיין פאַר׳יתומ׳טער וואָלף־הונט אים צופוסנס,
רייסט זיך אַ געטרייער און איינגעשפּאַרט —

— — — — — — — — — —

### „יתמו חטאים מן הארץ“

אַז בהלות איבער אונז, אַז אויסראָטן,
און געטאָ־מויערן געקאָנט נאָך אויפגעשטעלט ווערן,
אַ וווּנדער אַז גאַנץ אייראָפּע איין שחיטה־שטאָט,
און אין אַלע לענדער חורבן און צעשטערן — —

יאָ, דעם שטיין וועלכן מען וואַרפט ווען נאָך,
אין דעם מוז מען אַליין זיך שוין שטרויכלען!
און דאָס מעסער, וואָס מ׳לאָזט שאַרפן פאַר יענעם,
אויף דעם טוט מען די אייגענע נשמה אויסהויכלען.

ווי יעדע טאַט אַליין איז איר שכר און איר עונש,
אַזוי אין יעדן מאָרד איז דאָ שוין זיין נקמה!
נישט אַ טרייסט איז דאָס, אַ בלוטיקער באַווייז נאָר;
בהלה־גרויליקייט — איז גרויזאַמערע מלחמה!

און אויב העלדן! אָ, נישט ווייניקער פון יענע,
וואָס קומען פון שלאַכט־פעלדער מיט שראַמען, —
פון איר ריינער טאָכטער, אירע קינדער צו באַשיצן
דאָס העלדישקייט פון אַ האַרץ־פאַרוונדעטער מאַמען —

— — — — — — — — — — — —

האָט ווער אויפגעציטערט, עמיצער אויפגעשריגן,
ווען מ׳האָט אונז רואינירט, געשענדעט און געשאָכטן?
ניין, נישט קיין נקמה — אַ בלוטיקער באַווייז נאָר:
אַז דאָס שלעכטס וואָס געטון מוז ווערן פאַרראָכטן —

אונז אויסצוקוילענען, אונז גאַנץ אויסצוראָטן,
דעם גרעסטן אכזר צומאָל ס׳וועט נישט געלינגען!
מיר זיינען דאָ — אייביק ווי אונזערע ליידן! —
וועלט און מענטש צו גערעכטיקייט צו צווינגען —

— — — — — — — — — — — —

ווי אויף יענעם בלוט־דאָרשטיקן נבוזרדן־שטיין,
קוילעט אייראָפּע אויס איצט אירע אומשולדיקע קינדער,
ביז איבערגיין פון רחמנות ס׳האַרץ צו יעדן מענטש — —
„ס׳מוז אויסגעראָטעט ווערן די זינד — ניט דער זינדער!“

נישט נאָר דאָס שאַרפן פון מאָרד־מעסער מוז אויפהערן —
דאָס זיך צוהערן קענען ווען מ׳שאַרפט׳ס פאַר אַ צווייטן!
וואָרום ווער ווייסט דען דעם געדאַנק פון אַ רוצח,
און פאַר וועם דעם בלאַנק פון זיין מעסער ער טוט גרייטן.

אָ, אַז יעדער שטיין אין געטאָ־וואַנט — אַ שליפשטיין!
און דאָס שאַרפן כסדר מיר מוזן דערהערן!
אין איבערגייענדיקן פיין פון אונזערע לייבער
איבער זיי — אונזערע יאָגנדיקע טרערן — — —



Printed by I. Narodiczky, (T.U.), 129/131 Cavell St., London, E.1.